בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קל"ח

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת שמות
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן.

### דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פוּן אַ מְלַמֵּד אָנְהֵייבּ יָאר

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע מְלַמְּדִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר. אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ יָאר, ווִיל אִיךְ נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן עֶטְלִיכֶע ווִיכְטִיגֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן. בֶּאֱמֶת רֶעד אִיךְ צוּ מִיר אַלֵיינְס; מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזוּק, אִיךְ דַארְף אוֹיךְ חִיזוּק אִין מַיין אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים, נָאר אִין אַיינְוֶועגְס ווֶעלְן דִי מְלַמְּדִים אוֹיךְ קֶענֶען נִיצְן דִי חִיזוּק פַאר זִיךְ.

אִיךְ בֶּעט פוּן דִי מְנַהֲלִים פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֶען זָאל גֶעבְּן צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים, ווַייל מְלַמְּדִים דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק פַאר זֵייעֶר אַרְבֶּעט; מְלוּמְדוּת אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, וּבִפְרַט אָנְהֵייבּ יָאר אִיז עֶס בִּיטֶער שְׁוֶוער.

עֶרְשְׁטְנְס, ווַייל מֶען דַארְף אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, צְוֵוייטְנְס, ווַייל אַ מְלַמֵּד ווַאקְסְט דָאךְ מִיט דִי קִינְדֶער, סוֹף יָאר גֶעווֹאוֹינְט מֶען זִיךְ שׁוֹין צוּ צוּ דִי שֵׂכֶל אוּן שְׁפְּרַאךְ פוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שׁוֹין מִיט אַ יָאר עֶלְטֶער, אוּן אָנְהֵייבּ יָאר בַּאקוּמְט מֶען נֵייעֶ תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען מִיט אַ יָאר יוּנְגֶער פוּן דִי אַלְטֶע תַּלְמִידִים, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ זֵייעֶר שֵׂכֶל אוּן שְׁפְּרַאךְ.

אִיךְ גֶעדֶענְק ווֶען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ כִּתָּה ט' מְלַמֵּד, אִיז מִיר גֶעוֶוען בִּיטֶער שְׁוֶוער אָנְהֵייבּ יָאר צוּ אָנְהֵייבְּן דֶעם יָאר מִיט נֵייעֶ תַּלְמִידִים, אִיךְ פְלֶעג טְרַאכְטְן: 'הַלְוַואי ווֶען אִיךְ קֶען מִיטְגֵיין מִיט דִי פַארְיֶערִיגֶע תַּלְמִידִים אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי נָאךְ אַ יָאר, ווַייל דִי פְרִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען יֶעצְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר פוּן כִּתָּה ח' זֶענֶען מִיט אַ יָאר יוּנְגֶער ווִי דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען יֶעצְט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה ט', אוּן אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ קֶען מַמָשׁ נִישְׁט רֶעדְן מִיט זֵיי, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי קִינְדֶערִישׁ, ווֶען אִיךְ מַאךְ אַ ווֶערְטְל כַאפְּן זֵיי נִישְׁט דֶעם ווֶערְטְל, אוּן זֵייעֶרֶע ווֶערְטְלֶעךְ זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין ווֶערְטְלֶעךְ...'

הָאט מִיר דֶער מְנַהֵל פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: **"אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בַּאווַייזְן זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ דִי נֵייעֶ יוּנְגֶע קִינְדֶער - קֶענְסְטוּ זִיךְ שׁוֹין אָפְּזָאגְן פוּן מְלוּמְדוּת, ווַייל אַזוֹי גֵייט זַיין יֶעדֶעס יָאר; אָנְהֵייבּ יָאר מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ זֵייעֶר מִיט דִי נֵייעֶ תַּלְמִידִים, מֶען ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי אוּן ווִי אַזוֹי מֶען מַאכְט זֵיי אוֹיסְהֶערְן וְכוּ', צוּבִּיסְלֶעךְ הֵייבְּט מֶען אָן צוּ כַאפְּן זֵייעֶר שֵׂכֶל אוּן שְׁפְּרַאךְ, אוּן דֶער מַהֲלָךְ ווִיאַזוֹי צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט זֵיי, דִי אַרְבֶּעט ווֶערְט גְרִינְגֶער אוּן גְרִינְגֶער, חֲנוּכָּה צַייט אִיז שׁוֹין דִי אַרְבֶּעט נָאךְ גְרִינְגֶער, אַזוֹי גֵייט עֶס בִּיז סוֹף יָאר, נָאכְדֶעם קוּמְט ווִידֶער אַ נֵייעֶ יָאר מִיט פְרִישֶׁע קִינְדֶער וָואס מֶען שְׁפִּירְט ווַייטֶער אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶערִישׁ".**

### אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אִינְמִיטְן דִי פַּרְשִׁיוֹת וָואס דֶערְצֵיילְן ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי ווֶעלְט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה י:) ווִי אַזוֹי הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי ווֶעלְט, נִישְׁט דוּרְךְ הַאלְטְן דְרָשׁוֹת, נָאר דוּרְךְ גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיסֶע שַׁאטֶער אוּן גֶעטֵיילְט פֵיינֶע סְעוּדוֹת פוּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, פֵּייגְן אוּן נַאשׁ, יֶעדֶער אִיז גֶעקוּמֶען כַאפְּן, אוּן בְּשַׁעַת יֶעדֶער הָאט גֶעגֶעסְן הָאט עֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי ווֶעלְט.

ווֶען זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעגֶעסְן זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן: **"ווִיפִיל דַארְפְן מִיר בַּאצָאלְן פַאר דִי סְעוּדוֹת?"** הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"מֶען דַארְף מִיר גָארְנִישְׁט בַּאצָאלְן מֶען דַארְף זִיךְ נָאר בַּאדַאנְקֶען"**, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: **"יְיַשֵׁר כֹּחַ"**, הָאט זֵיי אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעזָאגְט: **"מִיךְ דַאנְקְט אִיר? אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער בַּעַל הַבַּיִת, עֶס אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶער בַּעַל הַבַּיִת"**, הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט: **"וואוּ אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת?"** הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז אוֹיבְן"**, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעווָאוּנְדֶערְט: **"וָואס אִיז דָא אוֹיבְן?"** הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: **"עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער!"** אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי לַייכְטֶערְהֵייט, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חָבֵר מִיט אַ לַייכְטְקֵייט, אַזוֹי הָאט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי ווֶעלְט.

דָאס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע לִימוּד וָואס מְלַמְּדִים דַארְפְן ווִיסְן; בְּשַׁעַת דִי קִינְדֶער פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶערִישֶׁע הֲנָאוֹת, זֵיי עֶסְן סְעוּדוֹת, מֶען גֶעבְּט זֵיי נַאשׁ, אָדֶער זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ, דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע גֶעלֶעגֶנְהֵייט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, ווַייל דֶעמָאלְט גֵייט עֶס אַרַיין מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ פְרֵיילִיכְקֵייט.

### גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיךְ אִין כִּתָּה

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג מֶען זָאל מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה; אַז עֶס אִיז דָא אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט זֶענֶען דִי הֶערְצֶער אָפְן אוּן מֶען אִיז מַצְלִיחַ מִיטְן לֶערְנֶען אוּן מִיטְן אוֹיסְלֶערְנֶען מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, אוֹיבּ אָבֶער עֶס אִיז דָא אַ בַּייסִיגֶע לוּפְט, אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע לוּפְט, דֶער מְלַמֵּד הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרַייעֶן אוּן גֶעבְּן מוּסָר - פַארְמַאכְן זִיךְ דִי הֶערְצֶער אוּן דִי מֹחוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין הַצְלָחָה.

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ בִּין אַרַיין צוּ מוֹהֲרָ"אשׁ הָאט מִיר מוֹהֲרָ"אשׁ נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט: **"זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין יְשִׁיבָה, נָאר אַזוֹי ווֶעלְן דִי בָּחוּרִים ווֶעלְן מְקַבֵּל זַיין פוּן דִיר"**.

אַוַודַאי דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, אַוַודַאי דַארְף זַיין דִיסְצִיפְּלִין אִין כִּתָּה, אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ הֵייבְּט זִיךְ גָארְנִישְׁט אָן, אָבֶער נִישְׁט דָאס אִיז

דער עיקר מטרה, נישט דאס איז דער עיקר ציל; דאס איז א זאך וואס די הייליגע תורה פארלאנגט כדי דער מלמד זאל קענען קומען צום ווארט און פארלערנען זיינע לימודים און אריינברענגען דעם אייבערשטן אין די קינדער, אבער דער עיקר ציל איז עס זאל זיין געשמאק און פרייליך אין כתה, די קינדער זאלן וועלן קומען אין חדר און וועלן אויסהערן וואס דער מלמד האט צו זאגן.

אפילו א מלמד האט שוין מצליח געווען אוועקצושטעלן א שטארקע דיסציפלין אין כתה האלט ער נאך ביי א', ער איז נאך ווייט פונעם עיקר ציל, יעצט דארף ער מאכן א געשמאקע אטמאספער אין כתה, אז די קינדער זאלן וועלן אויסהערן וואס ער האט צו זאגן.

## מען דארף האבן סבלנות

טייערע מלמדים, מוהרא"ש ברענגט אראפ אין אשר בנחל א מעשה וואס דער הייליגער מדרש דערציילט: איין מאל איז אריינגעקומען צו אברהם אבינו אן אלטער אראבער פון אכציג יאר אלט, אברהם אבינו האט אים געגעבן צו עסן, נאכן עסן פרעגט ער אברהם: **"וויפיל דארף איך באצאלן פאר די סעודה?"** האט אים אברהם אבינו געענטפערט: **"דארפסט מיר גארנישט באצאלן, דארפסט זיך נאר באדאנקען פארן אייבערשטן וואס האט אלעס באשאפן"**, דער אראבער האט נישט געוואלט מודה זיין אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט און ער האט נישט געוואלט דאנקען דעם אייבערשטן, האט אים אברהם אבינו געזאגט: **"אויב דו ווילסט נישט דאנקען דעם אייבערשטן פאר דיין מאלצייט, דארפסטו באצאלן געלט"**, האט דער אראבער געזאגט: **"ניין, אויב קיינער באצאלט נישט - וועל איך אויך נישט באצאלן"**, האט אים אברהם אבינו נאכאמאל געזאגט שטרענג: **"אדער באצאלסטו, אדער דאנקסטו דעם אייבערשטן"**, און זיי זענען אריין אין א טענה'ריי, ביז אברהם אבינו האט ארויסגענומען זיין שטעקן און ער האט אנגעהויבן אריינצושמייסן אינעם אלטן אראבער ביטערע קלעפ ביז עס האט אנגעהויבן רינען בלוט פון זיין קאפ, און דער אראבער איז אוועקגעגאנגען. פלוצלינג האט זיך דער אייבערשטער באוויזן צו אברהם אבינו און אים געזאגט: **"אברהם, אברהם, פארוואס שלאגסטו דעם אראבער? לייג אוועק דעם קאנטשיק! איך האב שוין אכציג יאר סבלנות פאר דעם אלטן אראבער, איך שטעל אים צו יעדן טאג ברויט צו עסן און קליידער אנצוטון, און דו - נאכן רעדן צו אים איין מאל און ער נעמט נישט אן דיינע רייד - שלאגסטו שוין?! מען דארף האבן סבלנות!"**

דער מדרש איז א שטארקע לימוד פאר מלמדים, מגידי שיעורים און מחנכים, צו וויסן אז מען קען נישט ערווארטן פון תלמידים זיי זאלן זיך גלייך טוישן צום גוטן; מען דארף זאגן פאר א קינד נאכאמאל און נאכאמאל: **"מען דארף לערנען"**, **"מען דארף דאווענען"**, ביז עס גייט אריין אין זיין הארץ.

אסאך מאל לייגט זיך א מלמד אריין אין זיין ארבעט מיט א שטארקע פינקטליכקייט, אז ער פארגעסט שוין אינגאנצן אז דאס זענען קינדער און מען דארף האבן סבלנות פאר זיי, דערפאר איז זייער וויכטיג אז מלמדים זאלן זיך כסדר חזר'ן די מעשה.

פון ווען איך האב געעפנט די ישיבה ביז היינט - וואס די ארבעט ווערט נישט גרינגער, עס קומען דאך ברוך השם כסדר אריין נייע תלמידים אין ישיבה וואס מען דארף ארבעטן מיט זיי פון פריש, ניץ איך דעם מדרש פאר מיין וועגווייזער; איך האלט שטענדיג דעם מדרש פאר מיינע אויגן, צו געדענקען אז מען דארף האבן אסאך סבלנות פאר תלמידים.

[אויך דארף מען נעמען דעם מדרש פאר זיך, זיך צו מחזק זיין ווען יצר הרע קומט צום מענטש און קלאפט אים אראפ: 'קוק ווי אזוי דיין דאווענען זעט אויס, דו שאקלסט זיך ביים דאווענען ווי א גע'שחט'ענער הינדל וואסווארפט זיין קאפ אהין און אהער... דיין מח איז בכלל נישט ביים דאווענען', דארף דער מענטש זאגן פאר זיך (אזוי ווי ער וואלט גערעדט צו זיין תלמיד): איך ווייס אז מיין דאווענען איז נאכנישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, דאך האב איך סבלנות, איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל זיין אן ערליכער איד, און איין טאג וועל איך זוכה זיין צו ווערן אן ערליכער איד].

## מען טאר נישט שלאגן קינדער

טייערע מלמדים, מען זעט אין דעם מדרש אז דער אייבערשטער האט פארגעהאלטן אברהם אבינו פארן שלאגן דעם אראבער, דאס איז א לימוד פאר מלמדים אז מען טאר נישט שלאגן קינדער.

א מלמד דארף קענען פירן זיין כתה מיט ישוב הדעת, ווי א מלך אין זיין מלוכה, מען דארף רעדן צו די קינדער שטיל און רואיג מיט דרך ארץ, מען טאר זיך נישט באניצן מיט די מיטלען פון שרייען אויף די קינדער: **"דו קלאץ!"** **"דו גולם!"** אדער דערנידערן א קינד, אים יעדן טאג ארויסשיקן פון כתה.

איך בעט פון אלע מלמדים, אויב מען שפירט אז מען דארף אמאל ניצן די האנט צו געבן א פאטש פאר א קינד, זאל מען עס איבערגעבן פארן מנהל, און דער מנהל זאל עס איבערגעבן פארן ראש ישיבה... ווייל איין מאל מען הייבט אן צו שלאגן פאלט מען שוין אריין אין א קריגעריי מיטן קינד, ביז מען איז שוין זיכער אז עס קומט זיך צען פעטש פארן קינד... און מען שעדיגט חס ושלום דעם קינד פאר זיין לעבן.

אויב א מלמד קען נישט דערכאפן דעם טאלאנט ווי אזוי צו פירן א כתה דורך רעדן צו קינדער נאכאמאל און נאכאמאל מיט געשמאק, איז כדאי דער מלמד זאל אויפקומען מיט א גוטע פראגראם צו טיילן קארטלעך און באלוינען די קינדער מיט זיסווארג, און ביי עלטערע קינדער מיט אביסל מער טייערע זאכן, אז די קינדער זאלן זיך וועלן צושטעלן און פאלגן, אויך קען ער בעטן דעם מנהל ער זאל אים אויסלערנען ווי אזוי צו פירן א כתה.

## מען מוז ליב האבן די קינדער

טייערע מלמדים, מען קען מחנך זיין א תלמיד נאר אויב מען האט אים זייער שטארק ליב.

אויב מען האט זייער שטארק ליב א תלמיד, מעג מען אים מחנך זיין, מען קען אים מחנך זיין, און עס וועט העלפן דאס מחנך זיין.

אבער אויב מען האט נישט ליב א תלמיד; פונדרויסן קען מען דאס נישט זען, אבער שטילערהייט אינעווייניג אין הארץ - דארט וואו נאר דער אייבערשטער וואס איז בוחן לבבות קען זען - האט מען אים נישט ליב; א טאג וואס דער קינד קומט נישט אין חדר פרייט מען זיך, דעמאלט מעג מען אים נישט מחנך זיין, מען טאר אים נישט מחנך זיין, און עס וועט נישט העלפן דאס מחנך זיין.

ווען מען זאגט פאר א קינד וואס מען האט נישט ליב: **"נו, דאווען שוין"**, איז עס טויטע פארשטאפטע ווערטער; יעצט אויפן מינוט גייט ער דיך אפשר פאלגן ווייל ער האט נישט קיין אנדערע ברירה, דו ביסט דאך שטערקער פון אים, אבער פאר זיין לעבן האט עס גארנישט געהאלפן, אויב עפעס - האט עס נאר קאליע געמאכט.

## ווער מעג זיין א מלמד?

דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן ח): נאר איינער וואס האט ליב אידישע קינדער אזוי ווי משה רבינו מעג זיין א מלמד.

משה רבינו איז געווען א מלמד - נישט נאר פאר איין כתה, נאר פאר אלע אידישע קינדער; עס האט זיך געמאכט אז ער האט געדארפט אוועקגיין פאר אפאר טעג (ער איז געגאנגען נעמען די לוחות פון הימל) האט ער אויפגענומען א במקום, יהושע בן נון איז געווען זיין ממלא מקום פאר יענע פאר טעג, און די קינדער פון חדר האבן איבערגעדרייט די גאנצע כתה, זיי האבן גענומען א גרויסע קלאץ אין די געשטאלט ווי א קו און זיי האבן עס געלייגט אויף זייער רבינ'ס פלאץ, אנשטאט משה רבינו, און זיי האבן אנגעהויבן צו זינגען א ניגון מיט ווערטער אז דאס איז זייער רבי... ווען משה רבינו איז צוריק געקומען און געזען וואס זיי האבן געטון, האט ער זיי געזאגט: **"מען טאר דאס נישט טון, טוט תשובה, קומט צוריק צום אייבערשטן! עטץ זאלטס וויסן אז דער אייבערשטער האט ענק נאכאלץ ליב** (עיין גיטין לו:)**"**.

אַ מְלַמֵד וָואס קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן זֶעט אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעטוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס זַיין קַאנְטְשִׁיק אוּן טֵיילְט זֵיי מַכּוֹת רֶצַח, אוּן עֶר זָאגְט זֵיי נָאךְ: **"גְלֵייבְּט מִיר אַז דִי פֶּעטְשׁ טוּעֶן מִיר אַסַאךְ מֶער וֵויי - וִוי עֶס טוּט עֶנְק וֵויי"** - אַזַא אֵיינֶער טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, אוּן עֶר טָאר נִישְׁט זָאגְן קַיין מוּסָר, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין אַ מֶענְטְשׁ נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ.

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער

וּבְכֵן בֶּעט אִיךְ עֶנְק מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע מְלַמְדִים, מֶען זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אִיךְ זָאל הַיינְט קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, אוּן סְפֶּעצִיעֶל בֶּעט אִיךְ דִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם קִינְד אוּן דֶעם קִינְד וָואס עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי צוּ לִיבּ הָאבְּן".**

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אִין מַיין כִּתָּה צְוֵויי דְרֵיי קִינְדֶער וָואס עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הַאנְדְלֶען מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ וֶוער זֵייעֶר נֶערְוֶועז פוּן זֵיי, הָאבּ אִיךְ יֶעדְן טָאג גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים; וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וָואס דָאס קִינְד וָואלְט גֶעוֶוען מַיין קִינְד אָדֶער מַיין אֵיינִיקְל? וָואלְט אִיךְ דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעוָוארְן נֶערְוֶועז פוּן אִים, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים"**, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן טָאג נָאךְ טָאג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז בִּיז אַפָּאר וָואכְן הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט יֶעדְן קִינְד אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר אוֹיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. מֶען קֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן בַּיי אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר יֶענֶע פָּאר יָאר וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, יֶעדֶער וֶועט נָאר הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁטַארְק אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ גֶעהַאט, מֶען וֶועט נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין אֵיין תַּלְמִיד וָואס וֶועט זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט; דָאס קוּמְט אַלֶעס דוּרְךְ דֶער כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין".**

אוֹיבּ עֶטְץ וֶועטְס לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, וֶועט עֶטְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

## נִישְׁט מַאכְן קַיין בְּרוֹגֶז טַאנְץ מִיט דִי קִינְדֶער

טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים, אוֹיבּ מֶען הָאט אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס אַנֶערְקֶענְט נִישְׁט אִינֶעם מְלַמֵד, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִינֶעם מְלַמֵד, טָאר מֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט אִים אַ בְּרוֹגֶז טַאנְץ... מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְמֶעסְטְן מִיט אִים אוּן זוּכְן וואוּ מֶען קֶען אִים אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען, אִים אַרוֹיסְשִׁיקְן, אַהֵיימְשִׁיקְן, אָדֶער אִים נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען צוּ אַן אוֹיסְפְלוּג.

אוֹיבּ אַ מְלַמֵד וִויל זִיךְ פַארְמֶעסְטְן מִיט אֵיינֶעם, זָאל עֶר נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן וָואס אִיז אִין זַיין יָארְגַאנְג אוּן קוּקְן וֶוער אִיז שְׁטֶערְקֶער; עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קוּנְץ אַז אַ מְלַמֵד פוּן הֶעכֶער צְוָואנְצִיג יָאר אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַ צֶען יֶערִיג קִינְד; עֶס אִיז פָּשׁוּט אַז דֶער מְלַמֵד וֶועט אִים גֶעוואוּנֶען, וַוייל דֶער קִינְד אִיז דָאךְ אַסַאךְ יוּנְגֶער.

אוּנְזֶער מַטָּרָה אִיז נִישְׁט צוּ וַוייזְן וֶוער אִיז שְׁטֶערְקֶער, אוּנְזֶער מַטָּרָה אִיז אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין.

אַ מְלַמֵד דַארְף גֶעדֶענְקֶען, קַיין אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט אִין חֵדֶר וַוייל עֶר וִויל עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְן מְלַמֵד, אָדֶער וַוייל עֶר וִויל גָאר פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיטְן מְלַמֵד; אַ קִינְד הָאט גָארְנִישְׁט קֶעגְן זַיין מְלַמֵד, דֶער קִינְד אִיז פָּשׁוּט קִינְדֶערִישׁ אוּן עֶר לֶעבְּט זִיךְ אִין זַיין וֶועלְטְל.

וֶוען אַ קִינְד רֶעדְט מִיט חוּצְפָּה צוּם מְלַמֵד טָאר מֶען עֶס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, מֶען דַארְף וִויסְן אַז דָאס אִיז זַיין שְׁפְּרַאךְ וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט צוּ יֶעדְן, צוּ זַיין טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְט עֶר אוֹיךְ מִיט דֶעם שְׁפְּרַאךְ, מֶען דַארְף אִים פָּשׁוּט מְחַנֵךְ זַיין אוּן זָאגְן: **"מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי - נִישְׁט צוּ אַ רֶבִּי, נִישְׁט צוּ טַאטֶע מַאמֶע, אוּן נִישְׁט צוּ קַיין שׁוּם עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ"**, אוּן מֶען דַארְף זֶען מִיט שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן אַרַיינְנֶעמֶען אִין כִּתָּה אַז עֶר זָאל יָא וֶועלְן מִיטְהַאלְטְן וָואס מֶען לֶערְנְט פָּאר. אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דִי קִינְדֶער וִוילְן דָא פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט מִיר, הֶעלְף אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן יָא זַיין אִינְטֶערֶעסִירְט אִין וָואס אִיךְ זָאג".**

## אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט

טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים, מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן תְּפִלָּה. מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי טַאקֶע אוֹיסְגֶעוַואקְסְן צַדִּיקִים; אוֹיךְ זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, וִוי מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן.

מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אָפְּגֶעשְׁפֶּעט פוּן דִי גֶעטְשְׁקֶעס, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, לח, יג): תֶּרַח הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן אַבְרָהָם עֶר זָאל אִים אִיבֶּערְנֶעמֶען אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט וואוּ עֶר פְלֶעגְט פַארְקוֹיפְן דִי עֲבוֹדָה זָרָה'ס, וַוייל עֶר דַארְף עֶרְגֶעץ אַוֶועקְפָארְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט, אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט אוּן אַן עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען קוֹיפְן אַ גֶעטְשְׁקֶע, הָאט אִים אַבְרָהָם גֶעפְרֶעגְט: **"וִוי אַלְט בִּיסְטוּ?"** הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ בִּין פוּפְצִיג יָאר"**, הָאט אִים אַבְרָהָם גֶעזָאגְט: **"וֵויי צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין פוּפְצִיג יָאר, אוּן עֶר וִויל זִיךְ בּוּקְן צוּ אַ גָאט וָואס אִיז אֵיין טָאג אַלְט!"** דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אָן קוֹיפְן דֶעם גֶעטְשְׁקֶע.

אֵיין טָאג אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען מִיט אַ שִׁיסְל מִיט פֵיינֶע מֶעל, זִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם: **"דָא הָאסְטוּ מֶעל אוּן זַיי עֶס מַקְרִיב אַלְס אַ קָרְבָּן פַאר דִי גֶעטְשְׁקֶעס"**, הָאט אַבְרָהָם גֶענוּמֶען אַ הַאמֶער, עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן אַלֶע גֶעטְשְׁקֶעס אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶעם הַאמֶער אִין דִי הַאנְט פוּן דֶעם גְרֶעסְטְן גֶעטְשְׁקֶע; וֶוען זַיין טַאטֶע אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אַבְרָהָם: **"וֶוער הָאט צֶעבְּרָאכְן אַלֶע גֶעטְשְׁקֶעס?"** הָאט אַבְרָהָם גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ שִׁיסְל מֶעל, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל עֶס מַקְרִיב זַיין, וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי גֶעטְשְׁקֶעס אִיז גֶעוָוארְן אַ קְרִיגֶערֵיי צְוִוישְׁן זֵיי, יֶעדֶער הָאט גֶעוָואלְט נֶעמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פוּן דִי מֶעל, הָאט דֶער גְרֶעסְטֶער גֶעטְשְׁקֶע זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶענוּמֶען אַ הַאמֶער, אוּן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעטְשְׁקֶעס"**. הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: **"וָואס מַאכְסְטוּ חוֹזֶק פוּן מִיר? גֶעטְשְׁקֶעס קֶענֶען דֶען עֶסְן? גֶעטְשְׁקֶעס הָאבְּן דֶען שֵׂכֶל?"** הָאט אִים אַבְרָהָם גֶעזָאגְט: **"זָאלְן דַיינֶע אוֹיעֶרְן הֶערְן וָואס דַיין מוֹיל רֶעדְט! פַארְוָואס דִינְסְטוּ קְלֶעצֶער וָואס קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן?!"**

עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים וָואס שְׁפִּילְן אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה מִיט דַאלִיס (בּוּבַּאס); זֵיי בְּרֶענְגֶען אִין חֵדֶר אַ דַאלִי (בּוּבַּא), זֵיי שְׁטוֹיסְן עֶס אוּן זֵיי וַוארְפְן עֶס אַרָאפּ, צוּ וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער וִוי נַארִישׁ עֶס אִיז צוּ דִינֶען צוּ אַ קְלָאץ. אִיךְ וִויל אָבֶּער מֶען זָאל עֶס אוֹיךְ מַסְבִּיר זַיין מִיט דִי הַיינְטִיגֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, מֶען זָאל אָפְּשְׁפֶּעטְן אוּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן דָאס נַארִישְׁקֵייט פוּן נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער, וַוייל אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט נִישְׁט נָאר פוּן גֶעטְשְׁקֶעס, נָאר פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס נֶעמְט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן הַחִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, מֶעג אִיךְ רֶעדְן אַסאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד פַאר דְרֵיי יֶערִיגֶע קִינְדֶער, הָאב אִיךְ גֶעוואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ פִיל וִוי אִיךְ ווִיל אַ גַאנְצְן צַייט נָאר רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; אִיךְ הָאב אָבֶער מוֹרָא אַז אוֹיב גֵייט אִיךְ רֶעדְן צוּ סַאךְ, וֶועלְן מֶענְטְשְׁן ווערְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מִיר, מֶען וֶועט מִיר חוֹשֵׁד זַיין אַז אִיךְ ווִיל דָא פַארְקוֹיפְן בְּרֶסְלֶב פַאר דִי קִינְדֶער. אוֹיךְ מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעוָוארְנְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְצִיעֶן דִי שְׁטְרִיק, וַוייל מֶען וֶועט מִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן וַוייל אִיךְ רֶעד פוּן בְּרֶסְלֶב.

הָאב אִיךְ גֶעוואלְט פְרֶעגְן אוֹיב אִיךְ זָאל טַאקֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ סַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער נִישְׁט? אוּן אוֹיב יָא, וָואס אִיז דִי גֶדֶר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ אֵיכָה, פְּתִיחְתָּא ב): "מָאן אִינוּן נְטוּרֵי קַרְתָּא", וֶוער זֶענֶען דִי וָואס הִיטְן אָפּ דִי שְׁטָאט פוּן שְׁלֶעכְטְס? "אֵלּוּ סוֹפְרִים, וּמְשַׁנִּים, שֶׁהֵם הוֹגִים וּמְשַׁנִּים וּמְשַׁמְּרִין אֶת הַתּוֹרָה בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה", דִי מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער, זֵיי הִיטְן אָפּ דִי שְׁטָאט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַ שָׁאד אַז מְלַמְּדִים זֶענֶען אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ, זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט מַחְשִׁיב; דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דָאךְ אוֹיף דִי מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן! דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן דִי קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רַב פָּפָּא גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא אַבַּיֵי, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף אוּנְזֶער תּוֹרָה?! "דִידִי וְדִידָךְ מַאי", וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה אוּן דַיין תּוֹרָה? זָאגְט אִים אַבַּיֵי: "אֵינוֹ דוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן קַיין עֲבֵירוֹת; דָאס אִיז אַלֶעס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם מְלַמֵּד וָואס זִיצְט מִיט קִינְדֶער אוּן לֶערְנְט, דַאוֶונְט אוּן לֵייגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זֵיי.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, רֶעד צוּ זֵיי פוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אָן קַיין גֶדֶר; הָאב נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, דוּ רֶעד צוּ זֵיי פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְפְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן בְּרֶסְלֶב, אָבֶער פוּן אֱמוּנָה זָאלְסְטוּ רֶעדְן אָן קַיין שׁוּם פַּחַד.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, שְׁנַת תשפ"ב)

## הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דִי הַצְלָחָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר; אַז דוּ וֶועסְט לִיבּ הָאבְּן דַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה, אוּן אִיז נִישְׁט - וֶועסְטוּ אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער מִיט זֵיי.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, הָאב אִיךְ גֶעזֶען דִי חִילּוּק פוּן דִי מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן לִיבּ גֶעהַאט דִי קִינְדֶער, דִי הָאבְּן גְרִינְג גֶעאַרְבֶּעט, אוּן דִי מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן פַיינְט גֶעהַאט דִי קִינְדֶער - אוֹי וִוי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער אִיז זֵיי גֶעוֶוען.

אִיךְ גֶעדֶענְק אַ מְלַמֵּד וָואס פְלֶעגְט רֶעדְן אִין חֵדֶר הַמְּלַמְּדִים מִיט אַזַא פְּרָאסְטְקֵייט, מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער, דֶער אִינְגְל אִיז אַ שׁוֹטֶה, דֶער אִיז אַן אָקְס, דֶער אִיז אַן אֵייזְל אוּן דֶער אִיז אַ פֶּטֶר חֲמוֹר. דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעזִיצְן אִין חֵדֶר הַמְּלַמְּדִים וִוי אַ צִיגַיינֶער מִיט דִי פִיס אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיפְן טִישׁ וִוי אַ חוֹלֶה נֶפֶשׁ, אוּן דִי תַּלְמִידִים הָאט עֶר גֶעהַאקְט, גֶעשְׁטוּפְּט אוּן גֶעצִיפְּט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט זִיךְ אַבִּיסְל אָנְגֶעלַאנְט וְכוּ'.

אִיךְ הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ קְרֶעכְצְט, אַ שָׁאד פַאר דִיר, אַ שָׁאד אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַזוֹי שְׁוֶוער, וָואלְסְטוּ לִיבּ גֶעהַאט דִי קִינְדֶער וָואלְסְטוּ נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט; אָדֶער אֶפְשָׁר דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיין לִיבּ הָאבְּן, לִיבּ הָאבְּן דַיין וַוייבּ, דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אָדֶער אֶפְשָׁר פֶעלְט דִיר הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִינְדֶערְפְרִי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ה)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
212-444-9169 / 845-351-9060
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876